**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט קרוב צו 7 מיליאן דאלאר פארטיילט פאר קורבנות פון דיסקרימינאציע

### *סך הכל פארגוטיגונגען אין פיסקאלע יאר 2023 איז די העכסטע סומע פארזיכערט דורך די ניו יארק סטעיט רעגירונג אין די פארגאנגענע זעקס יאר*

### *מער פון 1,000 ניו יארקער אריבער די סטעיט געגעבן געווארן געלט פאר שאדן פארגוטיגונג*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן (Division of Human Rights, DHR) האט פארטיילט קרוב צו 7 מיליאן דאלאר אין פארגוטיגונגען דורכאויס די פיסקאלע יאר 2023 פאר מער פון 1,000 קורבנות פון דיסקרימינאציע אין באשעפטיגונג, האוזינג און פובליק אקאמאדאציעס. די סומע איז די העכסטע סך הכל פארגוטיגונגען אין די פארגאנגענע זעקס יאר, א 7.4 פראצענטיגע וואוקס פון פיסקאלע יאר 2022 און א 26.8 פראצענטיגע וואוקס פון די פיסקאלע יאר 2019 בעפאר די פאנדעמיע. אין צוגאב האט די דיוויזיע ארויסגעגעבן $269,000 אין קנסות פאר ארבעטסגעבער, האוזינג פראָווײַדערס און ביזנעסער פאר דיסקרימינירנדע אויפפירונג און פאליסיס.

"פארזיכערן די געלטער שטופט פאראויס אונזערע מיהען צו העלפן קורבנות וועלכע זוכן די יושר וואס קומט זיך זיי און מאכן ניו יארק א זיכערערע סטעיט פאר יעדן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אכזריות'דיגע ארבעטסגעבער, האוזינג פראָווײַדערס און ביזנעסער דארפן געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך פאר זייערע דיסקרימינירנדע אויפפירונגען, און עס קומט זיך פאר קורבנות פון דיסקרימינאציע צו פילן אז זיי ווערן דערהערט און געזעהן."

**דיוויזיע פון מענטשן רעכטן קאמישאנער, מאריע אימפעריאל, האט געזאגט,** "אונטער אונזער סטעיט'ס מענטשן רעכטן געזעץ, האט יעדער ניו יארקער די גלייכע געלעגנהייט צו קענען געניסן פון א פולע און פראדוקטיווע לעבן. ווען דיסקרימינאציע קומט פאר – צו עס איז אין האוזינג, בילדונג אדער באשעפטיגונג – ווערט די רעכט און געלעגנהייט אוועקגענומען. אלץ די אינפארסירונג אגענטור פון אונזער סטעיט'ס מענטשן רעכטן געזעץ, ווילן מיר פארזעצן צו באפולמעכטיגן די פובליקום דורך אויפקלערונג, און מיר ווילן נוצן יעדע כלי וואס שטייט אונז צום האנט צו פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער ווערט באהאנדלט געזעצליך און יושר'דיג."

די דיוויזיע איז די אגענטור וואס איז באאויפטראגט מיטן אינפארסירן די סטעיט'ס מענטשן רעכט געזעץ און צו אויספארשן דיסקרימינאציע קלאגעס וואס ווערן אריינגעגעבן דורך ניו יארקער. אין צוגאב צו פארשונגען, האט די דיוויזיע די אויטאריטעט צו ארויפלייגן קנסות און צו ארויסבאקומען באצאלונגען פאר שאדנס פון די וועמען'ס רעכטן אונטער די סטעיט'ס מענטשן רעכטן געזעץ זענען פארלעצט געווארן. די דיוויזיע קען אויך פארהאנדלען נאך שריט אריינרעכענענדיג טוישן פאליסיס, טרענירונגען און ענדערונגען

פאר צוגענגליכקייט. אלץ א רעזולטאט פון די דיוויזיע'ס ארבעט דורכאויס די לעצטע פיסקאלע יאר, האבן א סך הכל פון 1,012 קורבנות באקומען 6.7 מיליאן דאלאר אין געלט פארגוטיגונגען.

ביישפילן פון פעלער רעכענען אריין:

- א סעילס פרוי ביי א לאנג איילענד טראק און לאדזשיסטיקס פירמע איז געגעבן געווארן $24,435 נאכן געפונען ווערן צו האבן אריבערגעגאנגען דיסקרימינאציע צוליב איר עלטער. איר ארבעטסגעבער האט איר געדרוקט צו ריטייערן פרי, מאכנדיג טשעפענענדע קאמענטארן איבער איר מעגליכקייט צו לערנען צוליב איר עלטער, און עווענטועל איר ערזעצט מיט א יונגערע ארבעטער דורכאויס אן איבערבוי פון די פירמע. די דיוויזיע האט אויך געגעבן א ציווילע קנס פון $10,000 פאר די פירמע.
- א ראטשעסטער פרוי וואס האט געארבעט אלץ לענדסקעיפער ביי א פּאווער פלענט האט געטענה'ט אז זי איז אריבער דיסקרימינאציע און אז זי איז אויפגעזאגט געווארן צוליבן זיין א פרוי און צוליב איר דיסאביליטי. די פרוי האט געטענה'ט אז איר פירמע האט געוואלט ערזעצן פרוי לענדסקעיפערס מיט מענער ארבייטער, און אז זיי האבן איר געצווינגען צו אויפגעבן די דזשאבס דורכ'ן זיך אפזאגן פון אקאמאדירן אויף א שכל'דיגן פארנעם פון באגרעניצונגען צו וויפיל זי האט געקענט אויפהייבן צוליב א רוקן פראבלעם. די קלאגע איז געסעטלט געווארן פאר א סך הכל פון $120,000.
- א לאנג איילענד מאן וואס האט געארבעט אלץ א מענעדזשער ביי א לאדזשיסטיקס און שיפּינג פירמע האט געטענה'ט אז ער איז אריבער דיסקרימינאציע און טשעפערייען צוליבן זיין אן אפריקאנער-אמעריקאנער, אן ארמיי רעזערוו סאלדאט און האבנדיג אריבער 'פּאָוסט-טראומעטיק סטרעס דיסארדער'. דער מאן האט געטענה'ט אז ער האט באריכטעט שלעכטע אויפפירונג פון די ארבייטער אונטער זיין פארוואלטונג, און ער איז דערנאך אויפגעזאגט געווארן צוליב די באריכט אין די צייט וואס די אנדערע ווייסע מענעדזשערס זענען נישט אויפגעזאגט געווארן. די קלאגע איז געענדיגט געווארן מיט א פשרה פאר א סעטלמענט פאר א סך הכל פון $46,000.
- א מאן אין קווינס וואס וואוינט אין אן אפארטמענט געביידע האט געטענה'ט אז זיין לענדלארד האט אים נישט געלאזט האבן די געלעגנהייט צו האלטן א הונט פאר עמאציאנאלע שטיצע, און אז ער האט פרובירט אים צו ארויסווארפן טראץ דעם וואס ער האט געברענגט דאקומענטן פון א מעדיצינישע פראפעסיאנאל אויפווייזנדיג זיין נויט פאר די אקאמאדירונג. די קלאגע איז געסעטלט געווארן פאר $19,000.

א ליסטע פון אלע DHR פעלער וועלכע זענען געלייזט געווארן אין פיסקאלע יאר 2023 לויט די ראיאן און סומע פארגוטיגונג איז פאלגנד:

| ראיאן | צאל קלאגעס | פארגוטיגונג |
|---|---|---|
| Capital Region | 44 | $324,734.75 |
| Central NY | 79 | $612,046.69 |
| Finger Lakes | 148 | $1,322,496.36 |
| Hudson Valley | 87 | $562,531.76 |
| Long Island | 139 | $690,595 |
| Mohawk Valley | 23 | $157,900 |
| New York City | 299 | $1,805,061.44 |
| North Country | 20 | $83,303.82 |
| Southern Tier | 31 | $152,131.58 |
| Western NY | 142 | $997,208.67 |

די ניו יארק סטעיט מענטשן רעכטן געזעץ פארבאט דיסקרימינאציע אין האוזינג, באשעפטיגונג, חינוך/בילדונג, קרעדיט און פלעצער פון פובליק אקאמאדאציע, צווישן אנדערע פלעצער פון יוריסדיקציע, צוליב עלטער, ראסע, גלויבונג, קאליר, מאן/פרוי, סעקסועלע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט אדער אויסדרוק, נאציאנאלע אפשטאם, מיליטער סטאטוס, דיסאביליטי, זיין טראגעדיג, זיין א געליטענע פון אביוז אינדערהיים, משפחה סטאטוס אדער סיי וועלכע אנדערע באשיצטע גרופע.

ניו יארק האט די שטאלצע אייגנארטיגקייט זייענדיג די ערשטע סטעיט אינעם לאנד צו דורכפירן א מענטשן רעכטן געזעץ וואס גיבט פאר יעדע בירגער א גלייכע געלעגנהייט צו געניסן פון א פולע און פראדוקטיווע לעבן. די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן איז די אגענטור וואס איז באאויפטראגט מיטן אינפארסירן די געזעץ. ניו יארקער וועלכע זענען אריבער דיסקרימינאציע קענען אריינגעבן קלאגעס צו די DHR דורך די אינטערנעט, דורך די פאסט אדער פערזענליך. פאר מער אינפארמאציע איבער די געזעץ און איבער די ארבעט פון די אגענטור, באזוכט ביטע די דיוויזיע פון מענטשן רעכטן'ס וועבזייטל אויף www.dhr.ny.gov אדער רופט 1-888-392-3644.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן